## And the credit goes to...

**Composition:** Basya Schechter
**Musical Direction:** Uri Sharlin
**Program Art Direction:** Sarah & Seth Guthartz

**Musicians:**
Basya Schechter – oud, guitar, voice
Uri Sharlin – piano, accordion
Frank London - trumpet
Megan Weeder – violin
Yoed Nir – cello
Shane Shanahan – percussion

**Support:**
Steve and Joyce Rosenthal
Drisha Institute
Blue Mountain Center
NYSCA - New York State Council of the Arts

**Additional thanks to:**
The poetry of Abraham Joshua Heschel from "The Ineffable Name of God: Man" is copyrighted by Proffessor, Susannah Heschel who also has granted permission for this performance.

Baruch Thaler, Yitchak Schoenfeld, Zalman Mlotek, Itzik Gottesman for helping unify Polish, Litvish and Boro Park Yiddish accents.

To BJ and Michael Dorf/Oy!hoo festival, for help sparking this project.

Peter Geffen for his dedication to Heschel's legacy.



# RADICAL AMAZEMENT:

## A musical exploration into the poetry of

# Abraham Joshua Heschel



The early poetry of Abraham Joshua Heschel is the foundation for the radical spirituality that eventually became great works, *Man Is Not Alone, God in Search of Man and classic works on the Sabbath and Chasidism.* Heschel grew up in a Hasidic family in Warsaw, but yearned for the outside world. After finishing high school in a gymnasium in Vilna (to catch up on basic secular studies) he went to explore the great intellectual and cultural world at a University in Berlin. He was young and lonely, writing Yiddish odes to the streets and parks, wrestling with G-d, and G-d's relationship to man, but mostly he was tuning into the deep moral responsibility that he felt he owed to fixing what was wrong with the world.

Morton Leifman, beautifully translated these poems which first appeared in Warsaw in 1933, into the first full bilingual version: *The Ineffable Name of God: Man* (2004) the book of poetry with a philosophical in depth introduction by Edward Kaplan, contains most of the artistic and theological motifs that would appear in Heschel's mature work.

Three years ago, before the poems were released, the book was handed to Basya Schechter by Merryl Zegaric with the words, "see what you can do with this..." Soon after, one of the Rabbi's at Congregation B'nai Jeshurun (BJ) asked Basya if she would compose a few pieces for "Tikkun Leil Shavuot," an all night learning session at BJ. Two and a half years later, the project has grown into 10 compositions.



**איך און דו**

טראַנסמיסיעס גייען פון דיין האַרץ צו מיינעם,
פאַרטוישן, פאַרמישן מיין ליידן מיט דיינעם.
בין איך נישט -- דו? ביסטו נישט -- איך?

עס זענען מיינע נערוון צונויפגעקנוילט מיט דיינע.
עס האָבן דיינע טרוימען געטראָפן זיך מיט מיינע.
צי זענען מיר נישט איינער אין לייבער מיליאָנען?

אָפט דערזע איך מיך אַליין אין אַלעמענס געשטאַלטן,
דערהער אין מענטשנס וויינען, רייד מיינס אַ ווייטע,
שטילע שטים,
גלייך אונטער מאַסקעס מיליאָנען ס'וואָלט מיין פנים
זיין באַהאַלטן.

כ'לעב אין מיר און אין דיר.
דורך דיינע ליפן גייט אַ וואָרט פון מיר צו מיר,
פון דיינע אויגן טריפט אַ טרער, וואָס קוועלט אין מיר.

ווען אַ נויט דיך קוועלט -- אַלאַרמיר!
ווען אַ מענטש דיר פעלט -- רייס אויף מיין טיר!
דו לעבסט אין דיר, דו לעבסט אין מיר.

**I and You**

Transmissions flow from your heart to Mine,
trading, twining my pain with yours.
Am I not you? Are you not I?

My nerves are clustered with Yours.
Your dreams have met with mine.
Are we not one in the bodies of millions?

Often I glimpse Myself in everyone's form,
hear My own speech a distant, quiet voice in people's weeping,
as if under millions of masks My face would lie hidden.

I live in Me and in you.
Through your lips goes a word from Me to Me,
from your eyes drips a tear its source in Me.

When a need pains You, alarm me!
When You miss a human being
tear open my door!
You live in Yourself, You live in me.

## ד

כ'בין אין וועלט אַ שפּור פון דיר
און יעדע זאַך איז ווי אַ טיר.
לאָמיך אַלע שפּורן שפּירן,
דורך אַלע זאַכן גיין צו דיר!

## At Dusk: D

I am a trace of You in the world,
And everything is like a door.
Let us all trace that trace of you,
And through all things got to you.

### יינגסטער באַגער

איך וואָלט אַזוי וועלן זיין פאַרליבט!
האָבן נאָנט מיט וועמען אין די טרוימען
צו בלאָנדזשען, וועמען לידער
ברויזנדיקע איינצורוימען.

איך וואָלט אַזוי וועלן זיין פאַרליבט.

מאָנאָטעיסטיש אין דיר גלייבן,
אז מיין צאַרטע צאַרטעסטע ביזטו!
און שענקען דיר די וווּנדער מיינע,
וועלטן איינגעפאַסט אין ווערטער.

איך וואָלט אַזוי וועלן זיין פאַרליבט.

אומגיין תמיד מיט אַ צויבערוואָרט: דו, דו
און דמיון אָנגעפוּלט מיט דיין אומענדלעך בילד.
קאַפּריזן דיינע זאלן דאָגמען זיין פאר מיר,
דיין וווּנדערשמייכל -- טרייסט פאר די אַנטוישוּנגען

אַך, ווי איך וואָלט זיין פאַרליבט!

מתנות אַזויפיל האָב צוגעגרייט פאר דיר.
איך אַליין נישט ווייס, וואָס אַלץ מיין בענקשאַפט
האָט איינגעקויפט פאַר דיר אין חלום. קום
און נעם דעם רייכסטן אוצר פון מיין האַרץ: -- מיין ליבע.

### Youngest Desire

I so want to be in love!
To have near me
One with whom I can
Blunder in my dreams,
And softly whisper
Sparkling songs.

I so want to be in love

To believe monotheistically in you,
That you are my tender, most tender love
And give to you my sense of wonder—
Worlds captured in words

I so want to be in love

To always go about with that magic-word
"Du, du"
To keep my imaginings overflowing
With your never-ending image.
May your caprices be my dogmas,
Your wonder-smile - a balm for
my disappointments

Oh, how I want to be in love!

So many gifts have I prepared for you
That even I don't know
The sum of what my loneliness, my dreams,
Has bought for you.

Come, take the richest treasures from
my heart: - my love.



### מיין זיגל

פאַרוואָס בין איך נישט אַ בלום,
אַ מענטש -- אַ בלום?

בענטש מיך, מיין געמיט,
מיט צאַרטקייט אנשטאָט מאַכט!

צו פאַרמאָגן שמייכלען אנשטאָט ווערטער
און שטענדיק לייכטן צו דער וועלט.

צו קאָנען שענקען ליבע, גליק
מיט מיינע האָר ווי אָרכידעי.

און ס'זאָל מיין גאַנג דורך שטיבן זיין,
ווי טריט פון פינגער אויף קלאַווישן.

צאַרטקייט, שם-המפורש דו,
זיי מיין צלם-אלקים!

### My Seal

Why am I not a flower,
A person-flower?

Bless me, my spirit
With tenderness instead of might!

To own smiles instead of words,
And always bring light to the world.

To be able to give love, good fortune
With my hair, like orchids.

And may my way through rooms be
Like finger-touches on piano keys.

Tenderness, you ineffable name of God,
Be my image of God!

### פּאַלאַצן אין דער צייט

אָוונטן: פּאַלאַצן אין דער צייט.

דו וווינסט אין זיי, מיין רייכער גאָט!
לאָז אויך מיין בענקשאַפט דאָ יעצט בלייבן,
אין די ווינקלען וווּנדער קלייבן
און אוצרות דאָן דער וועלט פאַרטיילן!

אָוונטן -- פּאַלאַצן אין דער צייט.

### Palaces in Time

Evenings: palaces in time.

You live in them, my prosperous God!
So let my longing, too, remain there now,
Gathering wonders in all corners,
And sharing treasures with the world.

Evenings—palaces in time.

## פון דיינע הענט

פון צאַרטער שאָל פון דיינע הענט
לאָז מיך רו און טרייסטן טרינקען -- --
אין טיפסטער שטילקייט פון דיין שטים
לאָז מיך רעטענישן לעשן -- --

ס'האָבן התלהבותן פארברענט מיין הויט און קלייד.
אָפגעריסן גיי איך ליכטיק-ווייט --
און בעט אַ פאָדעם פון דיין שטים פון זייד
די וווּנד פון רעטענישן צו פארבינדן.

אין אומזעבאַרקייט איז געהילט די וועלט,
ס'איז אַלצדינג דאָ מיט יענער-וועלט פאַרשטעלט.
טאָ וויל איך דיין געזיכט -- ווי בלינדנס פינגער
שריפט רעליעפע -- מיט מיינע ליפן לעזן.

פון צארטער שאָל פון דיינע הענט
לאָז מיך רו און טרייסטן טרינקען -- --
אין טיפסטער שטילקייט פון דיין שטים
לאָז מיך רעטענישן לעשן -- --

## From Your Hands

From the gentle bowl—your hand
Let me drink rest and comfort—
In the deepest stillness of your voice
Let me unravel the mystery—

Ardors have signed my skin and garments.
In tatters I wander through light-distance—
And beg a thread from the silk of your voice
To bind up the wounds of my unsolved puzzles.

Obscurities envelope the world
Distorting all with other-wordliness.
I want to read your face
As Braille—trained fingers do—
With my lips.

From the gentle bowl—your hand
Let me drink rest and comfort—
In the deepest stillness of your voice
Let me unravel the mystery—



## צו אַ פרוי אין חלום

שענק מיר אַ הויך,
אַ פינגער-באַרירונג;
פאַר טויזנט שעה בענקשאַפט
גיב מיר איין וואָרט!

אַ יוגנט לאַנג געטרוימט פון דיר,
אַ יוגנט לאַנג געצוימט פון דיר -- --
אַז ס'טוט מיין טרוים מיר אַזוי וויי.
כ'בין שולדיק דיך מיין גרויסער בענקשאַפט
און בעט דיך: -- ראַטעווע מיין טרוים!

דיינע אויגן זענען גרוסן פון גאָט.
אָאַזע אין דער וועלט איז דיין לייב,
פרייד פאַר די היימלאָזע בליקן.
דיינע פיס זענען ביימער פון תאוה
אין גאָרטן פון שטילסטן אַנציקן.

איך האָב דיך אין די נעכט אין חלום אויסגעקוקט.
ביזט קיינמאָל צו די אומפאַרגעסלעכע באַגערן
נישט געקומען. דאָך פארעקשנט פלעגן טרוימען שווערן:
דו ביזט פאַרהאַן! דו וועסט אַמאָל נאָך מיר געהערן! --
יעצט שטיי איך שטום פאַר דיר, ווי תלמיד בים פאַרהערן.

## To A lady in a Dream

Grant me a breath,
A finger's touch;
For a thousand hours of yearning
Give me one word!

I dreamt of you through all my youth.
Through all my youth, fenced off from you—
And my dream aches so much.
I owe to you my immense yearning—
And beg of you: Rescue my dream!

Your eyes are greetings from God.
Your body—an oasis in the world,
Joy for my homeless glances.
Your legs are trees of desire
In the gardens of quietest delights.

I searched for you in dreams in the night.
You never came to my unforgettable desires.
Yet stubbornly the dreams swore: You are there!
Some day you shall belong to me!
But like a student at a test,
I now stand mute before you.

## שניי אויף פעלדער

דער רוים איז רוי,
דיביימער -- שטומפּן.

עס זעגט דערווינט
אין וואָלקן-וואַלד.

ווי זעגעכץ פאַלט
דער איידלשניי.

שטיל ווי הייליקע
נאָמאַדן,
מיינע ווערטערס
קאַמעראַדן.

מוזן זיך
צו ערד גענענען,
פון אומזעבאַרקייט
אָפּגעוויינען.

גערוישן, פלעקן
אין דער לופט
מיט א ווייכקייט
אויסצומעקן;
אַלע פליכעס
פון די פעלדער

מיט אַ וועלאַן
צו פאַרדעקן.

נאָר זוילן גיריק
שניי אויסגריזשען.

פון שניירוינען
טרערן רינען.

ביימער -- שטומפּן
זיך איינשרומפּן.

ביז ווינטן ווידער
וואָלקנס זעגן.

## Snow on the Fields

The space is raw,
The tree—stumps.

The wind saws
in the cloud-forest.

The gentle snow
Falls like sawdust.

Still, like holy
Nomads,
Comrades of my words.

It must get close to the earth,
Break its habit of not being seen.

Faint noises, flakes
In the air

Erase with softness;
Cover with a curtain
All the baldness of the fields;

But greedy shoe-soles
Scratch the snow away.

From the ruins of snow
Tears flow.

Trees-stumps
Sink into themselves.

Till winds again
Saw the clouds.



## My Song

I want to give you world,
The inner lattice of my limbs;

My word, my hands,
the wonder in my eyes.

Take me for service to you,
And use me for your ends!

Place me
in alien railroad depots

like a greeting-statue
for forlorn guests ...

with joy, and throat filled with words

with a bright face
and sunny hands.

Send me to exiled brothers,
prisoners in jails.

Send me with good news
and consolation to mourners.

with help to the poor,
with rescue for the sick.

Take me for a friend!
Take me for a slave!

## מיין ליד

כ'וויל שענקען דיר -- וועלט,
דאָס געפלעכט פון מיינע גלידער;

מיין וואָרט, מיינע הענט,
דאָס וווּנדער פון מיינע אויגן.

נעם מיך צו אין דינסט צו דיר
און פאַרווענד מיך צו דיין נוץ!

שטעל מיך אָוועק
אין פרעמדקייט פון וואָקזאַלן,

ווי באַגריסונג-סטאַטוע
פאַר עלנטע אורחים...

נאָר מיט פרייד און ווערטער
פול אין האַלדז

און ליכטיקן ווייזער
אין זוניקע הענט.

שיק מיך צו ברידער פאַרשיקטע,
פאַרשפאַרטע אין תפיסות.

שיק מיך מיט בשורה
און טרייסט צו אבלים.

מיט הילף צו די אָרעמע,
מיט רעטונג צו די קראַנקע.

נעם מיך פאַר אַ פריינט!
נעם מיך פאַר אַ קנעכט!

**Repentance**

Haven't the prayers of generations, then,
Achieved some mercy from You, God?
Our devotion, ardor,
Our lust for you—none of these considered?

God, You greatest mute!
You answer screams with riddles.
You're no defender of the criminal,
You never say to hatred—"Out! Stop!"

Yet, sometimes rain drips like a tear.
It's God's confession in the world—
But I feel: God is sad—embarrassed,
For His sake, and for ours.

But our distress demands: Have Mercy!
Instead of tears, give deeds;
Help, not remorse.
Let every hope be Your command,
And every shiver—an alarm.

We—God and man and dogs,
Let's repent together
Or each one for the other.

And forgive us our sins
As we forgive You Yours.



**תשובה**

האָבן תּפֿילות דען פֿון דורות
דיין רחמנות נישט דערגרייכט?
מסירת-נפֿש'ן, התלהבות
אונדזער תּשוקה נישט דערציילט?

גאָט, דו גרעסטער שווייגער!
ענטפֿערסט רעטעניש אויף שריי.
ביזט דעם פֿאַרברעכער נישט קיין סניגור,
זאָגסט דער שנאה נישט: -- פֿאַרגיי!

נאָר טיילמאָל טריפֿט ווי טרער אַ רעגן,
גאָטס אַ וידוי אין דער וועלט -- --
כ'פֿיל: ס'איז אומעטיק-פֿאַרלעגן
גאָט פֿאַר זיך און אונדזערטוועגן.

דאָך אונדזער ווייטיק מאָנט: -- דערבאַרעם!
גיב שטאָט טרערן -- טאַט, שטאָט חרטה -- הילף.
יעדע האָפֿענונג זאָל באַפֿעל דיר זיין
און יעדער שוידער -- אַן אַלאַרם.

מיר, גאָט און מענטש און הינט,
לאָמיר תּשובה טון צוזאַמען
אָדער איינע פֿאַר דעם צווייטן.

און פֿאַרגעב אונדז אונדזער זינד
אַזוי ווי מיר פֿאַרגעבן דיינע.